# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת עקב תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 446



בני אמונים

מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### ברכת המזון אין מדבר - מדרבנן

"וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ" (ח י)

אין זיין פתיחה אויף ספר דברים ערקלערט דער רמב"ן כאטש אז אויפן בארג סיני זענען די אידן באפוילן געווארן אויף אלע מצוות, דאך האט משה געווארט פון צו אויסרעכענען א טייל פון זיי ביז ספר דברים "ווייל אפשר האבן זיי נישט מקיים געווען די מצוות נאר אין ארץ ישראל... אדער ווייל זיי זענען נישט אפט, האט ער זיי דערמאנט נאר פאר די וואס גייען אריין אין לאנד".

אבער אויף די מצוה פון ברכת המזון וואונדערט זיך דער רדב"ז, פארוואס האט משה געווארט עס צו ערקלערן ביז חומש דברים, די מצוה איז דאך זיכער נישט פון די מצוות התלויות בארץ, און עס איז זיכער נישט קיין זעלטענע מצוה?

ענטפערט רבי מאיר דן פלאצקי בעל 'כלי חמדה':

די סיבה פארוואס די אידן זענען נישט באפוילן געווארן מיט די מצוה פון ברכת המזון ביז צו חומש דברים, איז נישט ווייל עס טרעפט זיך נישט אפט, נאר ווייל מען איז נישט מחויב געווארן מיט די מצוה ביזן אריינגיין אין ארץ ישראל, ווייל די תורה באטאנט: "וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ" (ראה 'פנים יפות' להלן יא יג). און כאטש די חכמים זאגן (ברכות מח ב): "משה האט מתקן געווען פאר די אידן די ברכה 'הזן' ווען עס איז געקומען מן" - נאך בעפאר זיי זענען אריין אין ארץ ישראל, אבער דאס לשון: "משה תקן לישראל", ווייזט אז כל זמן זיי זענען געווען אין מדבר האבן זיי עס געטון נאר צוליב די תקנה פון משה, און נאר ווען זיי זענען אריין אין ארץ ישראל זענען זיי אויף דעם מחויב געווארן מן התורה.

שו"ת הרדב"ז ח"ו ב"א קמג; 'כלי חמדה' פר' דברים

### א 'עבודה' וואס די הארץ גלוסט צו טון

"וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֺתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם" (יא יג)

רש"י ברענגט וואס די חז"ל (תענית ב א) ערקלערן אז דער ציווי: "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם" באציט זיך אויף תפילה, ווייל דאס איז די 'עבודה' וואס ווערט געטון דורך די כוונה און הארץ.

רבי בנימין דיסקין הוראדנער רב, האט צו דעם צולייגט און ערקלערט אז ווען דעם ווערט תפילה אנגערופן "עבודה שבלב", ווייל דאס איז א עבודה וואס דער הארץ גלוסט און וויל עס טון. ווייל אנדערשט פון אלע מצוות, דארפן מיר דאך צוקומען צו די מצוה פון תפילה צוליב אונזערע אינטערעסן, צו בעטן אויף אונזערע באדערפענישן, און פון דעסוועגן באקומען מיר אויף דעם שכר. לויט דעם, אזוי ווי א קנעכט וואס זיין האר געבט אים שכר אויף די פאקט אליין אז ער קומט צו אים בעטן זיין שפייז, וועט ער זיכער גלוסטן טון די 'ארבעט' מער פון אנדערע ערליי ארבעטן וואס ער איז משועבד צו טון פאר זיין האר, אזוי אויך פארשטייט יעדער קלוגער צו ווען און גלוסטן מיטן גאנצן הארץ מקיים זיין די מצוה פון תפילה.

מיט דער יסוד ערקלערט זיין זון דער מהרי"ל דיסקין די לויב וואס ווערט געזאגט אין די ימים נוראים אין דער פיוט 'וכל מאמינים': "הזוכר למזכיריו טובות זכרונות"; א עקסטערע לויב איז דאס פאר הקב"ה אז ער געדענקט און באצאלט באזונדער פאר די וואס געדענקען די טובות וואס ער האט געטון פאר זיי און זיי דאנקען אים ביים דאווענען, כאטש זיי זענען מחויב אין דעם מצד הדין.

'מהרי"ל דיסקין' על התורה

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די מצוה פון ענטפערן אמן זאל נישט זיין גרינג אין ענקערע אויגן

אונזער פרשה - "והיה עקב תשמעון" - הייבט זיך אן און ווערט אויך אנגערופן אויף די נאמען פון די טייערע מצוות: "שאדם דש בעקביו", און די תורה זאגט צו אסאך שכר פאר די וואס היטן זיי אפ, אזוי ווי רש"י טייטש: "אם את המצוות הקלות שאדם דש בעקביו - תשמעון", דעמאלט איז פאר אייך צוגעזאגט די געוואלדיגע שכר וואס ווערט אויסגערעכנט אין די קומענדיגע פסוקים.

אין די נאמען פון אונזער פרשה 'עקב', באטאנט די תורה די ספעציעלע שכר פאר די וואס ווייסן צו שעצן דווקא די מצוות 'קלות'. ווען ענק ליינען אויף דעם אין די ראם פון די ארטיקל, פארשטייען ענק באלד וואו אהין איך ציל; יעדער מענטש האט געוויסע מצוות וואס זענען נישט חשוב אין זיין אויגן, אבער עס זענען פארהאן געוויסע מצוות, וואס אין די אויגן פון אסאך ווערן זיי באטראכט אלס 'קלות', און די מצוה פון ענטפערן 'אמן' איז איינע פון זיי.

עס קען זיין אז דאס קומט צוליב א נעגאטיוון פערזענליכן מוסטער, עס קען זיין אז דווקא די גרינגקייט מיט וואס מען קען מקיים זיין די מצוה קען צו דעם צוברענגען, אבער פון דעסוועגן קען מען זאגן אז די תורה האט באזונדער געווארנט אויף די מצוה: "והיה עקב **תשמעון**" - הער זיך גוט צו צו די ברכות וואס ווערן געזאגט אין ענקער געגנט און ענטפער נאך זיי 'אמן'. ענטפערן אמן זאל נישט זיין גרינגגעשעצט אין ענקערע אויגן חלילה, אדרבה האלט דאס פאר טייער און זייט מחשיב די מצוה.

דער פאפולערער ווערטל: "דעת בעלי בתים - היפוך דעת תורה" האט א באזונדערן באדייט אויף די מצוה. ווייל אין די צייט וואס ענטפערן 'אמן' ווערט פאררעכנט אלס א 'קלה' צווישן דער המון עם, האבן די חכמים געגעבן דערויף א געוואלדיגע חשיבות, מער פון וואס זיי האבן געגעבן אויף אנדערע מצוות, אזוי ווייט אז זיי האבן געזאגט (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים". עס קען אויך זיין אז דער געוואלדיגער אויסדרוק איז געזאגט געווארן צוליב דעם וואס אין מענטשנ'ס אויגן ווערט די מצוה פאררעכנט אלס א מצוה קלה; ווי כאילו די חז"ל אנטפלעקן פאר אונז אז דאס וואס זעט אויס גרינג אין אונזערע אויגן, איז נישט דא קיין גרעסער'ס פון דעם פארן אייבערשטן.

אין דעם שבת איז געוואנדן דער רוף צו יעדן איינעם פון אונז: "והיה עקב תשמעון!" - אויב ענטפערן אמן איז ביז היינט געווען אין ענקערע אויגן א מצוה 'שאדם דש בעקביו', פארוואנדלט עס אין א מצוה 'שאדם רץ בעקביו' כדי עס מקיים זיין. זייט 'שומרי אמונים', און גייט יעדן אינדערפרי אין שול צו הערן די ברכות שחרית פון די מתפללים און ענטפערן נאך זיי 'אמן', און אזוי וועלן ענק האבן די זכות עס זאל מקוים ווערן די וואונדערליכע ברכות פון אונזער פרשה: "ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך"... דגנך ותירושך ויצהרך שגר אלפיך ועשתרות צאנך על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך... והסיר ה' ממך כל חולי ..." אמן ואמן.

**מיט א רוף "והיה עקב תשמעון"**

**און א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# דער לעצטער מעסעדזש וואס דער דיכטער האט איבערגעלאזט

שבת אינדערפרי אין די מאדזשיצע שטיבל אויף די דיזינגאף גאס אין תל אביב. דער אייגנעמע נוסח התפילה וואס איז געהערט געווארן פונעם בעל תפילה, האט באצויבערנד אלע מתפללים, און נאר עטליכע פון זיי האבן באמערקט די אומגעוועגליכע געשטאלט, וואס האט א קוק געטון דורכן פענסטער וואס איז געווען צו דער גאס. אריינגעקוקט אינעווייניג, טאקע צוגענאגלט אבער לײדער ווייט.

קיינער פון די מתפללים האט נישט געקענט דעם עלטערן מאן מיטן הויכן געשטאלט און די לאנגע האר וואס איז געשטאנען אינדרויסן און צוגעקוקט מיט קאנצענטראציע אויף דער שיינער געשטאלט פונעם רבי'ן בעל 'אמרי אש' וואס איז געווען אריינגעטון אין זיין דאווענען אין פראנט פון בית-המדרש. אויב וואלט מען אים דערקענט וואלט מען זיכער אויפגעהויבן די ברעמען מיט גרויס וואונדער; דאס איז געווען איינער פון די גרעסטע משוררים וואס האבן דעמאלט געוואוינט אין תל אביב.

דער נאמען פון יענעם דיכטער (משורר) איז געווען יחיאל פערלמוטער, ער איז געבוירן געווארן אין נעשכיז אלס אייניקל פון די נעשכיזער צדיקים זי"ע. זיין משפחה איז לײדער אומגעקומען ביים גרויסן חורבן פון די צווייטע וועלט'ס קריג, און פאר אים איז געלונגען ארויף גיין קיין ארץ ישראל, און דארט איז ער באקאנט געווארן פאר איינער פון די בארימטע משוררים.


די מאדזשיצער שול אין תל אביב

נאך עטליכע מינוט אריינקוקן דורכ'ן פענסטער, האט איינער פון די מתפללים אים באמערקט, ער איז ארויס צו אים און אים איינגעלאדנט אריינקומען אינעווייניג, אבער ער האט באקומען א קאלטע ענטפער: "עס פעלט נישט אויס, עס איז מיר גוט דא!". פארן ענדיגן דאווענען האט דער עלטערער מאן זיך אויסגעדרייט און זיך געגאנגען צו זיין וועג.

דעם קומענדיגן שבת האט זיך די סצענע איבערגעשפילט. אינמיטן דאווענען האט מען דורכ'ן פענסטער דערזען די פנים פון דעם עלטערן מאן, דאס מאל זענען זיינע לאנגע האר געווען איינגעוויקלט אין א קליין טיכעלע, וואס ער האט עס גענוצט אנשטאט א קאפל. אויך יעצט האט מען אים פארבעטן ער זאל אריינקומען אינעווייניג, אבער מיט אנטשלאסנקייט האט ער זיך אפגעזאגט.

אזוי איז געווען עטליכע וואכן, יעדן שבת פלעגט דער עלטערער מאן אנקומען אינמיטן דאווענען און אריינקוקן דורכ'ן פענסטער, מען האט זיך ביי אים איינגעבעטן ער זאל אריינקומען און ער האט זיך אפגעזאגט, ביז ענדליך איז אים געלונגען זיך שטארקן אויף די בושה, ער איז אריין און זיך אראפגעזעצט נעבן דער טיר.

די מתפללים האבן פרובירט אים געבן א טלית און א סידור, אבער ער האט אפגעזאגט. אויך די קומענדיגע שבתים פלעגט ער אריינגיין אין שול און זיך זעצן ביים טיר, ווען פון אנהויב דאווענען ביזן סוף האט ער אנגעהאנגען זיינע אויגן אויפן רבי'ן וואס איז געווען פארטיפט אין זיין דאווענען, און פון צייט צו צייט האט ער שטילערהייט מיטגעזינגען.

נאך עטליכע וואכן, האט דער עלטערער מאן געטון נאך א שריט, ווען ער האט מסכים געווען זיך איינהילן אין א טלית. יעצט, דערנאך וואס ער האט פון זיך אוועקגענומען די בושה, האט ער זיך אביסל מער דערנענטערט צום פראנט פון שול, אבער ער האט נאך אלס נישט גענומען א סידור אדער א חומש.

ער האט זיך טאקע געזוקט צוביסלעך אבער אן קיין אפשטעל. פון וואך צו וואך האט ער זיך מער און מער צוגעבינדן צו דעם רבי'ן און צו די חסידים, זיי באגריסט מיט א גוט שבת און זיך אינטערעסירט אין זייער לעבן.

יעצט האט שוין דער רבי און די מתפללים געוואוסט ווער דער מענטש איז און וואס זיין שפראך איז, און איינזעענדיג זיינע מחשבות האבן זיי זיך משתדל געווען אים צו מקרב זיין ווי מעגליך ס'איז. דער רבי בעל 'אמרי אש' האט זיך געפירט קומען פרי אין שול פארן דאווענען און זאגן די ברכות השחר פאר עטליכע פון די מתפללים וואס האבן געענטפערט נאך אים 'אמן', און אויך א. ישורון - די נייע נאמען פון יחיאל פערלמוטער - וואס איז אויפגעשטאנען פרי איז געווען איינער פון זיי.

זיין נאנטשאפט צום רבי'ן האט דערגרייכט צום שפיץ שמחת תורה, ביי די באקאנטע הקפה אין וועלכע דער רבי פלעגט טאנצן אליין. בשעת'ן טאנצן האט דער רבי באמערקט, אז דער עלטערער דיכטער קוקט אים אן שטארק קאנצענטרירט, און אן רעדן א ווארט איז ער צוגעגאנגען צו אים, און ווארעם ארומגענומען און האט זיך מיט אים ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ, ווען פון די אויגן פון די מתפללים רינען טרערן.

ד' אייר ה'תשד"מ איז דער מאדזשיצער רבי בעל 'אמרי אש' נסתלק געווארן. ביי זיין פטירה האט יחיאל געפילט ווי זיין וועלט איז חרוב געווארן. ער האט אויסגעדריקט זיין צער אין א ליד וואס ער האט געשריבן לזכר דעם רבי'ן - "דער צדיק פון מאדזשיץ". צווישן די שורות דערקענט זיך זיינע הארציגע געפילן פון זיינע איינדרוקן פון דעם רבי'נס דאווענען: "כשהייתי שומע את קולו של האדמו"ר אומר 'איזהו מקומן של זבחים', הייתי רואה את זבחי אושוויץ נעקדים". [ווען איך האב געהערט דעם קול פון דעם רבי'ן זאגן 'איזהו מקומן של זבחים', האב איך געזען די קרבנות אין אושוויץ ווערן גע'שחט'ן"].

אין לויף פון די יארן איז דער משורר אלט געווארן און זיין געשטאלט איז פארגעסן געווארן. אין יאר תשנ"ב איז הרב נתן קרימלאווסקי, איינער פון די חשובסטע מאדזשיצער חסידים, אנגעקומען אין די 'איכילוב' שפיטאל אין תל אביב, און אט האט ער באמערקט א באקאנטע געשטאלט ליגט אויף איינע פון די בעטן, דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער יחיאל, דער באקאנטער דיכטער, וואס די עטלערקייט האט זיך שטארק אנגעזען אין אים.

רבי נתן וועלכער האט זיי געקענט פון יענע שבתים ווען זיי האבן געדאווענט צוזאמען אין שול, איז צו אים צוגעגאנגען און האט זיך אינטערעסירט אין זיין וואוילזיין. דער אלטער האט זיך זייער געפריידט אים צו זען און זיך אויך אינטערעסירט אין די מאדזשיצער חסידים און וואס עס טוט זיך אין שול. א לאנגע צייט האבן די צוויי גערעדט, און איידער זיי האבן זיך געזעגנט, האט דער אלטער אנגעכאפט ר' נתן'ס האנט און אים געבעטן ער זאל אויספירן א שליחות:

"איך בעט דיך זאלסט גיין צום מאדזשיצער רבי'ן דער 'נחלת דן' - דער זון פון דעם רבי'ן בעל 'אמרי אש', און אים זאגן אז איך האבן תשובה געטון א תשובה שלימה". דער גערירטער ר' נתן האט געשאקלט די קאפ ווי א הסכמה און זיך געוואנדן ארויסגיין, בשעת ער הערט הינטער זיך ווי דער אלטער זאגט נאכאמאל מיט א קוועטש: "תשובה שלימה...".

עטליכע טעג נאכדעם וואס ר' נתן האט אויסגעפירט זיין שליחות, האט דער טעלעפאן געקלונגען אין זיין הויז, און פון די אנדערע זייט האט זיך געהערט די שטימע פון דעם משורר'ס טאכטער: "דו ביזסט דער וואס האט באזוכט מיין טאטן מיט עטליכע טעג צוריק?" - איז געווען איר פראגע, און רבי נתן האט באשטעטיגט. "זאלסט וויסן", האט די טאכטער געזאגט דערנאך וואס ער האט איבערגעזאגט דעם אינהאלט פון זיין שמועס מיט איר פאטער, "ווען דו ביזסט צו אים געקומען, איז דאס געווען נאך א לאנגע צייט, וואס ער איז געליגן אין בעט אן ארויסרעדן א ווארט פון מויל. נאכדעם וואס דו ביזסט אוועקגעגאנגען, האט ער זיך צוריק איינגעהילט אין זיין שטילקייט, און נעכטן נאכט איז ער נפטר געווארן".

ר' נתן וואס האט איבערגעטראכט די געשעהניש האט נישט געקענט נישט איבערראשט ווערן, פון אלע מעסעדזשעס וואס זענען ארויסגעקומען פון די פעדער פונעם בארימטן דיכטער אין זיין לעבן, איז די לעצטע מעלדונג וואס ער האט אויסגעוועלט איבערצולאזן אויף דער וועלט איז געווען "איך האב תשובה געטון א תשובה שלימה".

די ווארעמע הארץ פון דעם רבי'ן און זיין פייערדיגע דאווענען האבן מצליח געווען צו צעלאזן אפילו די שווערסטע נשמות, און איז ארויף אין הימל ווי א ריכטיגער בעל תשובה.

'סיפור לשבת' ח"ח עמ' 783

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## דער חיוב פון ענטפערן אמן אויף ברכות

**א. יעדער וואס הערט א איד זאגט עפעס א ברכה פון אלע ערליי ברכות, אפילו ער וויל נישט יוצא זיין זיין חוב דורך הערן די ברכה - איז ער מחוייב ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

געבויעט אויף די לשון הרמב"ם (ברכות א יג) וואס ווערט געברענגט להלכה אין שולחן ערוך (או"ח רטו ב). דער מקור פון רמב"ם איז דער לשון המשנה (ברכות נא ב): "ועונין אמן אחר ישראל המברך" ('כסף משנה' שם). אויך דער רמ"א (או"ח קצח א) פסק'נט: "כל הברכות שאדם שומע, חייב לענות אמן", ערקלערט דער 'משנה ברורה' דארטן: "בין ברכת המצוות בין ברכת הנהנין", ד.מ. דער חיוב פון ענטפערן אמן איז אויך אויף ברכות וואס דער מענטש איז נישט מחויב זיי צו זאגן, אזוי ווי ברכות הנהנין וואס דער מענטש קען זיך פארמיידן פון עסן און דורך דעם זיך פטר'ן פון דער חיוב (ראה שו"ת 'האלף לך שלמה' או"ח צה).

## דער מקור פון דער חיוב צו ענטפערן אמן

**ב. די חכמים לערנען ארויס דעם חיוב פון ענטפערן 'אמן' פון די רייד וואס משה האט געזאגט פאר די אידן אין די ארייינפיר צו שירת האזינו (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא - הבו גודל לאלקינו", און זיי טייטשן אז אזוי האט ער זיי געזאגט: "ווען איך דערמאן די נאמען פון הקדוש ברוך הוא ביי די ברכה - זאלן ענק אפגעבן כבוד דורך ענטפערן אמן".**

מקורות וביאורים:

די לשון הגמרא (יומא לז א) איז אזוי: "מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, רבי זאגט: 'כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו' - משה רבינו האט געזאגט צו די אידן: ווען איך דערמאן די נאמען פון הקב"ה, זאלן ענק אפגעבן כבוד". ריכטיג טאקע אז די גמרא דארטן באציט זיך אויף ענטפערן 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' אין בית המקדש, אבער רש"י אין ברכות (כא א ד"ה כי) טייטש די גמרא אויף ענטפערן אמן, ווייל זיי זענען גלייך ('צידה לדרך' דברים לב ג). אין 'ילקוט שמעוני' (האזינו רמז תתקמב) ווערט געברענגט די דרשה אלס א באזונדערע דרשה אויף ענטפערן אמן: "פ. וו. ווייסט מען אז מען ענטפערט אמן נאכן מברך? תלמוד לומר: 'הבו גודל לאלקינו'".

## דער חיוב פון 'אמן' איז פונקט ווי דער חיוב פון די ברכה

**ג. עס זענען דא וואס האלטן אז די חיוב פון אמן איז לויט די חיוב פון די ברכה וואס אויף דעם ווערט זי געענטפערט; די ברכות וואס זייער חיוב צו זאגן איז מן התורה, אזוי ווי ברכת המזון - איז אויך ענטפערן אמן א מצוה מן התורה, דאקעגן די ברכות וואס זייער חיוב איז מדרבנן - איז אויך דאס ענטפערן אמן אויף זיי איז א מצוה מדרבנן.**

מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (כא א) זאגן די חכמים: "פ. וו. איז דער חיוב מן התורה צו זאגן ברכת התורה פארן לערנען, שנאמר: 'כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו'". ערקלערט רש"י (שם ד"ה כי): בעפאר משה האט אנגעהויב שירת האזינו האט ער באפוילן די אידן: "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא" - מיטן זאגן 'ברכת התורה', זאלן ענק "הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ" - דורך ענטפערן אמן. דער רמב"ן (שכחת העשין מצווה טו) לערנט פון דא אז ברכת התורה איז א מצוה מן התורה און רעכנט עס אויך אריין אין זיין מנין המצוות (וכן דעת ראשונים ופוסקים נוספים, ראה 'משנה ברורה' ריש סי' מז. וראה 'מגילת אסתר' (שם), שלדעת הרמב"ם הפסוק מובא כאסמכתא, והחיוב לברך ברכת התורה אינה אלא דרבנן). דער 'צידה לדרך' (דברים לג ג) האט פון דעם אפגעמאכט אז לויטן רמב"ן אזוי ווי ברכת התורה וואס מען לערנט ארויס פון דער פסוק "כי שם ה' אקרא" איז א מצות עשה מדאורייתא, אויך ענטפערן אמן אויף ברכת התורה וואס מען לערנט פון די פארזעצונג פון דער פסוק: "הבו גודל לאלוקינו", איז א מצות עשה מדאורייתא. דער 'פרי מגדים' ('תיבת גמא' האזינו. וראה: משב"ז רטו ב; א"א שם ו) לערנט ארויס פון דעם אז דער חיוב פון אמן איז שטענדיג לויט די ברכה; אויף א ברכה מדאורייתא זענען מיר באפוילן מן התורה צו ענטפערן אמן, אבער אויף א ברכה מדרבנן זענען מיר באפוילן געווארן מדרבנן צו ענטפערן אמן. דער חילוק וועט זיין, ווען עס זענען דא פאר אים צוויי מענטשן; איינער וויל זאגן א ברכה וואס ער איז מחוייב מדאורייתא, און דער צווייטער - א ברכה וואס איז מדרבנן, זאל ער בעסער הערן דער וואס זאגט די ברכה מדאורייתא, ווייל מיטן ענטפערן 'אמן' וועט ער מקיים זיין א מצות עשה מדאורייתא.

## ד. א באזונדערע פארזיכטיגקייט אויף ענטפערן 'אמן'

**דער מענטש דארף זיין זייער אפגעהיטן אין ענטפערן אמן, און דער וואס טוט גרינגשעצן אין ענטפערן אמן איז זייער הארב זיין שטראף. און דער מענטש דארף תשובה טון אפילו אויף איינמאל וואס ער האט נישט געענטפערט אמן.**

מקורות וביאורים:

'אור הישר' (לר"מ פאפירש, עמוד העבודה ז יח); 'חיי אדם' (כלל ו סעיף א). רבינו בחיי (שמות יד לא) שרייבט אז אויף דעם וואס טוט גרינגשעצן אין ענטפערן אמן איז געזאגט געווארן דער פסוק (שמואל-א' ב ל) "ובוזי יקלו", און זעה דארט ווי ער איז מאריך אין דעם גרויסן שטראף פון דער וואס טוט גרינגשעצן אין ענטפערן אמן. די מקור פון דעם איז אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב). אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) ווערט דערציילט, ווען רבי מרדכי יפה בעל ה'לבושים' איז געווען ביי זיין רבי'ן רבי יצחק אבוהב, האט פאסירט אז רבי יצחק'ס יונגסטער זון האט געזאגט א ברכה און אומבאמערקט האט רבי מרדכי נישט געענטפערט 'אמן'. צוליב דעם האט הרב אבוהב אים ארייינגעלייגט אין 'נידוי' און מוסר געזאגט אויף די הארבקייט פון די זינד פון זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן אויף א ברכה. ער האט אויך צוגעגעבן און געזאגט, אז עס איז שוין געווען אזא מעשה אין די פריערדיגע דורות ווען א חסיד איז באשולדיגט געווארן מיט טויט שטראף, ווייל ער האט זיך אפגעהאלטן פון ענטפערן אמן אויף די ברכה פון זיין זון.

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## דער באשעפער איז 'שואל' פון אונז ברכות

וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ ... לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' וְאֶת חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְטוֹב לָךְ"'" (י יב-יג)

פארוואס כאפט אן דער פסוק דאס לשון "שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", און נישט 'דורש' אדער 'מצוה'?

ענטפערט דער גערער רבי בעל 'לב שמחה': ווי באקאנט דרש'ענען די חכמים (מנחות מג ב) דער פסוק ווי עס וואלט געשטאנען: 'מֵאָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ', און פון דא האבן זיי א סמך אויף די חיוב פון זאגן יעדן טאג מאה ברכות. אקעגן די מאה ברכות איז דא אין הימל מאה שערי ברכה, וואס עפענען זיך נאר דורך זאגן די מאה ברכות (פירוש התורה לרקאנטי תולדות). ווייל הקב"ה וויל משפיע זיין גוט'ס פאר די אידן, איז ער 'שואל' ד.מ. ער בעט די אידן זאלן זאגן יעדן טאג מאה ברכות, כדי ער זאל זיי קענען משפיע זיין מאה שערי ברכה.

'דברי שאול' מהדורה חמישאה; 'לב שמחה' תולדות תשמ"ב

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

### דער וועג צו זיין א צדיק

הרה"ק רבי אהרן פון זיטאמיר שרייבט:

אין אונזערע צייטן, דער הויפט וועג וויאזוי דער מענטש קען צוקומען צו די דרגה פון 'צדיק', איז דורך מקפיד זיין אויף די צאל פון די דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדי"ק', וואס דאס איז: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. דער וואס איז געווארנט אין דעם עפנט אויף די שערי שמים, און זיין תפלה גייט ארויף, און די מלאכים מאכן פון דעם א קרוין פאר הקב"ה. "עס זענען דא גרויסע צדיקים וואס גרייטן זיך צו פארן דאווענען מיט 'יחודים און צירופי' שמות, אבער מענטשן אין אונזערע גלייכן וואס קענען עס נישט טון - איז דער עיקר אכטונג געבן יעדן טאג אין די מידה פון צדי"ק". ('תולדות אהרן' פר' שמיני').

### משלים זיין וואס עס פעלט

ווען ר' חיים בנימין ברוד, דער שווער פונעם מגיד רבי יעקב גאלינסקי פון רוסלאנד איז ארויף קיין ארץ ישראל, האט ער מיטגעברענגט א העפט, אין וועלכער ער האט פארשריבן פונקטליך אלע טעג וואס ער האט נישט געקענט דערגרייכן די צאל פון די דברים בקדושה וואס די חכמים האבן באשטימט, צוליב די שרעקליכע רדיפת הדת דורך דער קאמוניסטישער הערשאפט אין יענע צייטן.

ווי נאר זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט רבי חיים בנימין פארענדיגט וואס ער האט פארפעלט; יעדן טאג האט ער זיך אופגעהאלטן אין בית המדרש אסאך שעה'ן, ער איז אריבער פון איין מנין צו די צווייטע, און אזוי זוכה געווען צו פארענדיגן אלע אמנים, קדישים און קדושות, וואס האבן געפעלט אין זיין חשבון פון יענע לאנגע יארן וואס ער איז געווען אונטער דעם סאוועטישן שטיוול. ('מאמרי חיים' סי' ע).

### שומרי אמונים

אין 'ספר הצוואה' (ירושלים תשכ"ו, עמ' מח) אנטפעלקט האדמו"ר רבי אהרן ראטה פון 'שומרי אמונים' די סיבה פארוואס ער האט באשלאסן אנרופן זיין קהילה מיטן נאמען 'שומרי אמונים', און אזוי שרייבט ער: "עס איז אייך באקאנט אז איך האב פאר אונזער חבורה געגעבן די נאמען 'שומרי אמונים' און דער טעם איז לויט וואס עס שטייט (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמנים', און חז"ל זאגן (שבת קיט ב): 'אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן'. ווייל יעדער איד איז מחוייב צו ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים, און דעמאלט ווערט ער אריינגערעכנט אין די בחינה פון צדיק און ווערט אנגערופן 'גוי צדיק'".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**כבוד הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

און מיט אים אלע מיטגלידער פון דער רעדאקציע פון דער גליון 'וכל מאמינים'

שלום וברכה

ערב מיין חתונה פיל איך זיך פארפליכטעט אויסצודריקן מיין טיפן שעצונג און אנערקענונג אין אייער ארבעט, ווייל אדאנק ענק אין די גאנצע תקופה פון מיינע בחור'ישע יארן בין איך אויפגעשטאנען אין צייט צום דאווענען, און אזוי האב איך באקומען א טעם אין דאווענען און א חיות אין עבודת ה'.

איך האב געזען אין דעם גליון פון יו"ט שבועות וואס ענק האבן געברענגט אין נאמען פון די ראשונים אז די ראשי תיבות פון "אז מסיני נצטוו" איז 'אמן', און איך האב געטראכט צו לייגן צו דעם, אז בעפאר די ווערטער זאגן מיר: "וגם האוהבים דבריה גדולה בחרו". איך האב געטראכט אין ליכט פון ענקערע ווערטער, אז די ערטער "האוהבים דבריה" זענען מרמז אויף די 'דיבור' פון אמן; דער וואס האט ליב דעם אמן "גדולה בחרו" האט פאר זיך אויסגעקליבן א גרויסע זאך, ווייל די חכמים האבן שוין געזאגט (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

אין יעדן פאל, זענען די ווערטער פאסיג געזאגט צו ווערן אויף אייך, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע "אוהבים דבריה" מער ווי אייך, און איך טוט אויך באליבן די ווערטער ביי אונז אלע, דורך די גליונות און די וואונדערליכע אקטיוויטעטן. שטארקט זיך אויף ווייטער.

מיט א ברכת כהנים באהבה

**דער חתן. י.מ. הכהן ר.**

**מודיעין עילית**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## 'מטה אפרים'

### כ"ד מנחם אב תקפ"ח



די קלויז אין בראד

רבי אפרים זלמן מרגליות איז געבוירן אין י"ט כסלו תקכ"ב צו זיין פאטער רבי מנחם מאניש אב"ד דינאוויץ, פון די גרעסטע מיוחס'דיגע פאמיליע'ס. ער האט געלערנט תורה ביי זיין גרויסן פעטער רבי אלכסנדר סענדער מרגליות אב"ד סטאנאוו.

א קורצע צייט האט ער געדינט אין די רבנות פון די שטעטל אוהנוב, אבער נאכדעם וואס ער איז רייך געווארן אין די דיאמאנטן ביזנעס, האט ער פארלאזט דעם כתר הרבנות, און זיך אומגעקערט צו זיצן פלייסיג אין די בארימטע קלויז אין בראד וואו ער האט זיך אפגעגעבן מיט לימוד תורה טאג און נאכט, ווען תורה וגדולה זענען פאראייניגט אויף זיין טיש.

ער איז געווען איינער פון די גרעסטע בעלי הוראה אין זיין דור, די גדולי הדור האבן אים מכבד געווען און געווארט אויף יעדע'ס ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל. ער האט מחבר געווען ספרים אין אלע חלקי התורה, אבער באזונדער איז ער באקאנט געווארן מיט זיינע ספרים 'שערי אפרים' אויף הלכות קריאת התורה, און 'מטה אפרים' אויף די הלכות פון די ימים הנוראים, וואס זענען געווארן די ספרי יסוד אין זייער געביט און זענען געדרוקט געווארן אין אסאך אויסגאבעס.

ער איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים כ"ד מנחם אב תקפ"ח און איז באערדיגט אין שטאט בראד.

### ער גזל'ט די מצוות

"דער וואס זאגט קדיש און דאס זעלבע אנדערע ברכות שטילערהייט איז א גזלן, ווייל ער גזל'ט די מצוות פון די מענטשן וואס קענען נישט ענטפערן אמן נאך אים" ('מטה אפרים' דיני קדיש סעיף ג).

### אמן נאך די ברכה 'הגומל'

עס זענען דא וואס פירן זיך נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה 'הגומל', ווייל זיי האלטן אז זאגן: 'מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה', ווערט גערעכנט ווי ענטפערן אמן. אבער להלכה דארף מען ענטפערן אמן נאך דעם אזוי ווי נאך די אנדערע ברכות, און נאכדעם זאגן דער נוסח "מי שגמלך..." , ווייל מיטן ענטפערן אמן שטעלט ער זיך צו צו די לויב וואס דער מברך זאגט צו השי"ת, אבער זאגן "מי שגמלך..." איז א ברכה פארן מברך זעלבסט ('שערי אפרים' שער ד סעיף ל; 'פתחי שערים' שם).